# קרישקעס

נייעס און באריכטן בחצרות האדמורי״ם

## היסטארישע בריוו פון גדולי ישראל צום גאווענער

דאס יהדות החרדית אין ניו יורק האט אויפגענומען מיט פרייד די פרישע דעקלעראציע פון גאווענער קאומא, אז די מוסדות התורה וועלן זיך אפיציעל צוריק קענען עפענען ווי געהעריג אויף דעם קומענדיגן ז׳ תמוז הבעלל״ט. דאס קומט נאכדעם וואס גדולי ומאורי ישראל אין ניו יורק האבן אפגעשיקט א געמיינזאמע בריוו דעם פארלאפענעם ערב שבועות צום גאווענער קאומא ווי זיי האבן געבעטן צו געבן באלדיגע ערלויבעניש צו עפענען די מוסדות החינוך. אין בריוו וועלכע איז אונטערגעשריבן דורך כ״ק האחים האדמורי״ם מסאטמאר, מונקאטש, פאפא, באבוב-45, וויזניץ-מאנסי, וויזניץ-וומסב״ג און וויען שליט״א טוהן זיך די גדולי אדמורי״ם באדאנקען פאר׳ן גאווענער פאר די פירערשאפט וואס ער האט ארויסגעוויזן דורכאויס די קריזיס און טון ארויסברענגען ווי וויכטיג עס איז פאר אידישע קינדער ווייטער צו לערנען אין די מוסדות התורה.

**פאלגענד איז די אינהאלט פונעם היסטארישן בריוו מיט א פרייע אידישע איבערזעצונג:**

אנהייב דעם בריוו טון זיך די גדולי ישראל ווארעמהארציג באדאנקען פאר׳ן גאווענער פאר די פירערשאפט און די וויזיע וואס ער האט ארויסגעוויזן דורכאויס די קריזיס און פאר׳ן זיך אפגעבן מיט געטריישאפט פאר אידן און פאר אלע ניו יורק׳ער דורכאויס די שרעקליכע עפעדעמיע.

דערנאך שרייבן זיי אז דינענדיג אלס רבי׳ס וואס פירן אן גרעסערע קהלות טוהן זיי באהאנדלען טעגליך פארשידענע אומאנגענעמע קאנצוקווענצן וואס די ביז יעצטיגע לאקדאון האט פאראורזאכט פאר די יודישע געמיינדע. יעדן טאג הערן מיר איבער די חורבנות וואס איז געשאפן געווארן אינערהאלב די קשר צווישן עלטערן און זייערע קינדער, גאר שווערע פארלוסטן אין פרנסה, און בפרט ווען עס איז געשאפן געווארן א צוזאמבראך אין די חינוך הדורות און א ברעיקדאון אויף אלע רעלוגיע אנגעלעגנהייטן וואס האט אלעמאל געדינט אלס א קוואל פון חיזוק אין די שווארצע צייטן.




מיר שטייען יעצט נאך דעם יו״ט שבועות וואס ווערט געפייערט דורך אידן ווען עס איז אונז געגעבן געווארן די תורה און מצוות. איינע פון די חשובסטע מצוות איז לערנען תורה. מיר ווענדן זיך יעצט צו אייך מיט א דרינגענדע רוף וועלכע רירט צו צום שורש פון אונזער רעליגיע – דאס איז די חינוך פון אונזערע קינדער. לערנען תורה איז א גאר וויכטיגע טייל אין אונזער רעליגיע און איז א חיוב וואס רעליגיע איז מחייב פאר יעדן אמתע תורה׳דיגע יוד. טרו תורה דזוס. מיר האבן א חיוב, א מצוה צו לערנען און חזר׳ן די תורה א גאנצן טאג דורכאויס דעם גאנצן יאר. אונזער רעלוגיע לימודים פארלאנגען געלערנט צו ווערן אויך סוף וואך – אין די וויקענד׳ס – און אויך דורכאויס די זוממער חדשים.

אונזער הייליגע תורה איז געבויעט אויף א רייכע מסורה פון טויזענטער יאר צוריק אויף אן אומצובראכענעם קייטל און איז געבויעט איבערצוגעבן תורה של בע״פ פון א רבי׳ן צו א תלמיד און איבערחזר׳ן און זיך מפלפל זיין מיט חברותות.

תלמידים זענען מקבל פון גאר חשובע מחנכים וואס ווערן אויפגענומען מיט אחריות דורך די הנהלה געבויעט נישט נאר אויף זייער קענטעניסן נאר אויך אין זייער טאלאנט און פעהיגקייטן. דאס איז די סיבה פארוואס די קשר צווישן דעם רבי'ן מיט'ן תלמיד איז אזאך וואס איז אזוי וויכטיג אין די יודישע רעליגיע.



Dear Governor Cuomo,

We are writing to collectively express our appreciation for your leadership and vision during this crisis, and for caring for the safety of our community and all of New York State's residents during this unprecedented pandemic. May Hashem continue to bless you with strength, skill, courage and wisdom to navigate New York through the end of this plague and to give New York the ability to emerge stronger than ever.

As Rabbis who lead our communities, we deal daily with the spiritual and the many practical issues arising from the lockdown. Families are pleading with us to help relieve the tension and anxiety they are experiencing. Every day, we hear about the destruction of painstakingly nurtured parent-child relationships and the dramatic loss of income and the breakdown of the religious worship and education that has always served as a bastion of strength for our people in dark times.

We are approaching the holiday of Shavuos, which commemorates and celebrates the Jewish people's acceptance of the Torah and its obligations. Primary among them is the obligation to study Torah. We now turn to you with an urgent request that goes to the root of the very fabric of our religion – the religious education of our youth.

Torah study is a central tenet in our religion, and a religious duty incumbent on every Torah-true Jew. We have a religious imperative, a mandate – a mitzvah – to study and learn the Torah every day, all year round. Our religious studies therefore continue with the same intensity on weekends and throughout the summer months.

Our Torah study is based on thousands of years of rich tradition and relies on an unbroken chain of oral transmission from teacher to student and intense peer discussion and debate. Students benefit from observing their teachers, who are carefully selected for their roles based on their ability to impart not only knowledge but also attitudes, ideals and values. It is for this reason that the teacher-student relationship is among the most significant in the Jewish tradition.

This customary method of study has been severely curtailed during the pandemic, particularly because distance learning is not a viable option for our community. The use of internet-enabled devices is strongly prohibited for non-business matters, and for children altogether.

That leaves instruction by telephone as the only option, but this both lacks the direct connection with teachers and peer study with classmates that is so critical to Torah study. It is also impractical given the large families that are prevalent in our communities. Indeed, it is impossible for large families living in crowded quarters to accommodate many children simultaneously with quiet spaces that are conducive to participate in tele-classes to their many children. Our experience during the pandemic has shown us that remote education is far less effective, and does not enable us to maintain our religious obligations related to the study of Torah.

די מעטאדן ווי אזוי אונז יודן טון מחנך זיין אונזערע קינדער איז חרוב געווארן ביי די יעצטיגע עפעדעמיע, ספעציעל וויבאלד לערנען אפגעשיידט איינער פונעם צווייטן איז א גרויסע שטער פאר די יודישע חינוך. דאס באנוצינג פון אינטערנעט און אנדערע טעכנעלאגישע כלים איז גאר שטרענג פארבאטן ביי אונז פאר נישט ביזנעס צוועקן און איז זיכער סתם אזוי שעדליך פאר קינדער.

דאס האט אונז איבערגעלאזט מיט די איינציגסטע ברירה צו לערנען מיט די קינדער אויפן טעלעפאן, אבער דאס האט אפגעהאלטן די פרעזענליכע קשר צווישן די מחנכים און די קינדער, און צווישן די קינדער מיט זייערע חברותות וועלכע איז אזוי קריטיש וויכטיג פאר די יודישע חינוך. דאס לערנען אויפן טעלעפאן איז אויך געווען אומפראקטיש פאר אונזער קינדער וואס קומען פון קינדער-געבענטשטע פאמיליעס וועלכע וואוינען אין קווארטלעך צווישן די געמיינדע און עס איז זייער שווער אז יעדעס קינד זאל זיך קענען טרעפן א שטילע פלאץ ווי צו לערנען.

אונזער עקספיריענס דורכאויס די עפעדעמיע האט אונז געוויזן אז די סארט מהלך הלימוד איז ווייט נישט קיין עצה און איז גאר א שטער פאר אונז, זיך ווייטער צו פירן מיט אונזער רעליגיע דורכ'ן לערנען תורה.

ס'איז ווייטאגלעך אז די חינוך פון אונזערע קינדער האט געליטן גאר אסאך פראבלעמען און האט אנגעברענגט א שרעקליכע דרוק און סטרעס אויף אונזערע פאמיליעס. מענטל העלט פראפענסינאלן זאגן אונז אז די פארלאפענע וואכן האבן פאראורזאכט א ערענסטע שאדנס אויף באדייטענע טייל פון די נפשיות'דיגע געזונטהייט. מיר האבן זייער מורא אז מיר וועלן פארלירן א גרויסע חלק פון דעם קומענדיגן דור, און מיר מוזן פארזיכערן אז דאס וועט נישט פאסירן.

רעלוגיע איז אן עסענסיעל סערוויס פאר די געזונט פון די געזעלשאפט און דערפאר בעטן מיר די ערלויבעניש ווייטער צו קענען ממשיך זיין און לערנען אונזערע רעליגיע לערנונגען וועלכע איז נאר שייך דורך א מלמד זאל פארלערנען פאר די תלמידים און עס חזר'ן בחברותא. ווי פארשטענדליך זענען מיר גרייט אויסצופאלגען אלע זיכערהייט רעגולאציעס כדי צו פארמיידן א פארשפרייטונג. אונזער ישיבה אדמינעסטראטער זענען גרייט צו ארבעטן מיט די שטאט באאמטע און איבערגיין די זיכערהייט פלענער.

מיר זענען גליקלעך מיט די רעלוגיע פרייהייט אין די פאראייניגטע שטאטן. אונזערע קהלות אין ניו יורק זענען געבויעט געווארן דורך די יודן וואס האבן איבערגעלעבט דאס אויס-ראט פון די יודן אין איירופא. אין ניו יורק האבן מיר נישט נאר איבערגעלעבט, נאר עס איז געגעבן געווארן די מעגליכקייט ווייטער אנצוהאלטן אונזער יודישקייט אן קיין שטער, אויף די זעלבע דרך וואס עס איז געווען אויסגעטראטן מיט טויזענט יאר צוריק.

מיר ווענדן זיך צו דיר, גאווענער קאומא, אלס אן אלטן גוטן פריינד צו אונזער געמיינדע, אונז צו געבן די ערלויבעניש, צו קענען מחנך זיין אונזערע קינדער, און ווייטער אנהאלטן אונזערע קהלות און רעליגיע אנגעלעגנהייטן, לויט די מעטאדן וואס זענען וועקגעשטעלט געווארן לויט אונזער קולטור און מסורה. ביים צולאזן אונזער לימודים רעקאמענדאציעס לויט אונזער אור-אלטע טראדוציע, וועסטו נישט נאר צוהעלפן אנצוהאלטן אונזער מסורה, דו וועסט אויך העלפן אונזערע קינדער, צוריקשטעלן אונזערע פאמיליעס און צוריק אויפבויען די קהלות.

מיט אונזער ברכה פאר דיין געזונט און הצלחה.

## כ״ק אדמו״ר מסלאנים שליט״א:
## ״מ׳האט מיר אויסגעפאפט!״

גאר שארפע ווערטער קעגן אגודת ישראל זענען היינט געהערט געווארן פון כ״ק אדמו״ר מסלאנים שליט״א, ביים סעודת הילולא פון זקינו הרה״ק בעל ברכת אברהם מסלאנים זי״ע. דער רבי שליט״א האט געזאגט אז ׳אגודת ישראל׳ פון היינט איז שוין נישט די זעלבע אגודה פון אמאל, וויבאלד אמאל האבן אלע פריעדיגע גדולי ישראל געאסר׳ט אז א חבר הכנסת זאל דינען אלס א ׳שר׳ אין די ממשלה, אין די צייט וואס היינט האט מען דאס מתיר געווען און איינער פון די חברי הכנסת אין ׳יהדות התורה׳ איז איינגעשוואוירן געווארן אלס ׳שר׳ אין די רעגירונג. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: ״כ׳וויל נאר מודיע זיין דעם עולם אז דער וואס איז געגאנגען שטימען איז ליידער נכשל געווארן... פון היינט און ווייטער קען מען שוין נישט זאגן אז מ׳זאל גיין צו די בחירות!״... דערביי האט דער רבי שליט״א ארויסגענומען א בריוו פון טאש און אויפן בריוו זענען אונטערגעצמעט פיהר גדולי אדמורי״ם שליט״א וואס זענען אנגעשלאסן אין ׳אגודת ישראל׳ ווי זיי זענען זיך מחייב אז א חבר הכנסת פון יהדות התורה וועט נישט דינען אלס א שר אין די רעגירונג.



## שארפע קול קורא פון חברי הבד״ץ

חברי הבד״ץ זענען ארויס מיט א שארפע קול קורא קעגן א פלאן פון די ירושלימ׳ע שטאט-ראט אז די הויפט-גאסן פון ירושלים זאלן פארוואנדעלט ווערן אין א פארוויילונג פלאץ פון הוליערייען. אין די יעצטיגע טעג האט די ירושלים שטאט-ראט געמאלדן איבער א פלאן אז אזוי ווי אסאך עסן-געשעפטן און רעסטוראנטן האבן געליטן אסאך געלט-שאדן דורכאויס די עפעדמיע, וועלן פארקומען אין די נאכט-שעות פארשידענע קאנצערטן און שפילערייען אויף די הויפט-גאסן פון שטאט וואס דורכדעם וועט עס ברענגען געלט פאר די רעסטוראנטן. חברי הבד״ץ טוהן פארפירן אז אזא סארט געדאנק וועט צוזאמברענגען אומגעוואונטשענע עלעמענטן אויף די גאסן פון ירושלים קרתא דשופריא און מטמא זיין דעם עיר הקודש מיט פרצות חמורות. אינעם קול קורא וועלכע איז אונטערגעחתמעט דורך אלע חברי הבד״ץ בראשות כ״ק גאב״ד וראב״ד ירושלים שליט״א טון זיי אויפפאדערן אז עס דער חרדישע ציבור וועט דאס נישט פארשווייגן און טון אלעס אין די וועלט כדת של תורה מונע צו זיין די חרפה ולעצור בעד המשחית.

ב״ה

מטעם רבותינו כ״ק מרנן שרי התורה הגאב״ד והגאוה״צ הביד״צ שליט״א

# החרש לא נוכל

בחרדה גדולה שמענו מפיהם של תושבי ועסקני השכונות בפעיה״ק ת״ו על יוזמה חדשה של העיריה והעומד בראשה **לטמא את עיר הקודש בפרצה חמורה בהפיכת רחובות במרכז העיר למדרחוב לשעות הערב והלילה עם הופעות ובילויים**, ולבד מן העוון החמור של חמורות שבחמורות שתלוי וכרוך באירועים כאלו, כאב גדול ובלתי נסבל הוא לתושבי השכונות החרדיות הסמוכים וצמודים למקומות ההם אשר בתיהם ושכונותיהם יהפכו למערת פריצים חלילה.

העיריה והעומדים בראשה עושים ככל העולה על רוחם, **ורוב רובם של שותפיה אינם משמיעים אפילו קול ענות חלושה** נגד מהלכים אלו העלולים להמיט אסון על עיה״ק, **וזאת לבד מן הפרצות החמורות בקדושת השבת שהכריז עליהם ראש העיר** ועדיין לא נשמעה קול מחאה על כך.

**לא נוכל להחריש כבלע את הקודש, חובתינו וחובת כל ירא ה׳ לעצור בעד המשחית ולומר לשטן הבוחר בירושלם הרף ידיך מלחלל את עיה״ק להפכה לעיר פרוצה אין חומה ולקלקל את המעט שנשאר בה אחרי שפרצו בה פרצה אחר פרצה.**

**ואנו קוראים אל האחראים בדבר, לבטל תוכנית זדונית זו, כי הציבור החרדי לא יוכל להחריש ויעשה ככל אשר יוכל כדת של תורה ומסורת אבותינו בידינו למנוע את החרפה ולעצור בעד המשחית.**

והשי״ת יהא בעזרנו למען ירושלם עיר קדשינו פלטרין של מלך, ויערה רוח טהרה וילמדו תועים בינה לשוב אל ה׳ ולעבדו שכם אחד עדי נזכה בקרוב להרמת קרן התורה וישראל ולקבלת תפילתינו: ולירושלם עירך ברחמים תשוב ושתכון בתוכה כאשר דברת, בב״א.

ובאעה״ח הביד״צ דפעיה״ק יום שלישי בהעלותך י׳ סיון תש״פ לפ״ק

נאם **יצחק טובי׳ ווייס** רב ואב״ד פעיה״ק ת״ו

נאם **משה שטרנבוך** ראב״ד נאם **אברהם יצחק אולמן**

נאם **יהושע ראזענבערגער** נאם **יעקב מענדל יאראוויטש** נאם **יהודה** בהמוהגרי״י **פישר**

כן ירבה וכן יפרוץ:

## פיהר נייע בתי מדרשים עפענען זיך די וואך שב״ק!

**ביהמ״ד זוטשקא אין מאנסי:** מיט גרויס שמחה און התרגשות וועט זיך דעם שבת עפענען אין מאנסי די טויערן פון די נייע בית מדרש ״תהילת דוד זוטשקא״ וועלכע וועט שטיין בנשיאות כ״ק **אדמו״ר מזוטשקא-מאנסי** שליט״א, יונגסטע זון פון כ״ק אדמו״ר מזוטשקא זצ״ל, און איידעם ביי הגה״צ ר׳ יהושע

לייפער שליט"א אבד"ק באר משה ונשיא ממלכת התורה עוז והדר. אצינד טוט מען באנייען דעם שיינעם בית המדרש וואס געפונט זיך אויף 25 קעמאו רידזש אין שטאט צווישן בלאוועלט ראוד און וועסט מעיפל .יאריך ימים על ממלכתו.



**ביהמ"ד דינוב אין קרית יואל:** אין קרית יואל וועט זיך דעם שב"ק עפענען די טויערן פון 'ביהמ"ד בני יששכר דינוב' וועלכע וועט שטיין בנשיאות כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א. די מעמד פתיחת שערים איז פארגעקומען דעם דארנעשטאג נאכט אין היכל הביהמ"ד אין שפיץ פון הרה"צ ר' חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א ר"י דינוב.

**ביהמ"ד באבוב אין לינדען:** אין די נייע חרדישע געגענט אין לינדען, ניו דזורסי וועט זיך דעם שבת צום ערשטן מאל עפענען די נייע 'באבוב'ע שטיבל' אין שטאט ווי עס וועלן פארקומען די תפלות דורכאויס שבת און אויך א באטע בליל שבת בשבת אחים. דאס קומט נאכדעם וואס פארלאפענעם חודש חשון איז אפגעקויפט געווארן א שטח אין לינדען לטובת הביהמ"ד דורך הרבני הנגיד ר' אברהם אהרן לעזער הי"ו און אין לויף פון די פארלאפענע חדשים זענען פארגעקומען העפטיגע בוי-ארבייט איינצורישן דאס ביהמ"ד אויפן שענסטן פארנעם און די וואך איז די ארבעט פולקאם פארענדיגט געווארן לפאר ולרומם בית ה'. אין לויף פון די לעצטע צוויי יאהר האבן זיך אריבערגעצויגן קיין לינדען איבער צוואנציג משפחות חסידי באבוב און לויטן פלאן וועלן זיך אריבערציען נאך צענדליגע באבוב'ע משפחות קיין לינדען. ביז היינט זענען בלויז פארגעקומען מניני התפלה אין די וואכן-טעג ביי איינעם אין שטוב, און דעם שבת וועט מען באנייען דעם נייעם ביהמ"ד. דאס ביהמ"ד איז נאך א רינגעלע אין קייט די צענדליגע קהלות דחסידי באבוב איבער די וועלט וועלכע שטייען בנשיאות כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א און פארשפרעכט צו זיין א לייכט-טורעם פאר די גאנצע אומגעגענט.

**ביהמ"ד טעמעשוואר אין עירמאנט:** דעם שבת עפענט זיך אין די עירמאונט געגנט די נייע ביהמ"ד "בני שמעי' ד'טעמעשוואר" בנשיאות הגה"צ ר' בעריש לעוו שליט"א בן הגה"צ ר' שמעי' לעוו שליט"א מטעמעשוואר – אינטערדאם איידעם ביי הגה"צ אבד"ק סאלקא שליט"א פון מאנסי. שבת אינדערפרי נאכן דאווענען וועט פארקומען א גרויסארטיגע קידושא רבא לכבוד דאס עפענונג פונעם בית המדרש, און לכבוד די שמחת הבר מצוה פון א זון פונעם רב שליט"א.

## הרה"ח הישיש ר' יהושע דוב (דזיגעלע) יאקאבאוויטש ע"ה




די שטאט בארא פארק באוויינט די פטירה פון הרה"ח הישיש ר' יהושע דוב יאקעבאוויטש ע"ה, וועלכע איז געווען פון די באוואוסטע פרעזענליכקייטן אין שטאט, פון די איבערגעבליבענע פארצייטישע יודן ומעתיקי השמועה וואס האט איבערגעגעבן זכרונות פון אמאל פארן יונגען דור. ר' דזיגעלע – ווי ער איז גערופן געווארן בלשון חיבה – איז היינט נפטר געווארן בשיבה טובה אין עלטער פון 103 יאר.

ר' דזיגעלע האט זוכה געווען צו זעהן אלס קליין קינד הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע וועלכע איז איינגעשטאנען ביי זיינע עלטערן אינדערהיים, אלס בחור האט ער געלערנט ניין זמנים ביי הרה"ק בעל ויגד יעקב מפאפא זי"ע, אויך האט ער זוכה געווען צו זעהן דעם הייליגן חפץ חיים, הרה"ק ר' פינעלע אויסטילער, הרה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש, הרה"ק בעל אהבת ישראל מויזניץ, הרה"ק ר' ישעי'לע טשעחויבער און הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.



נאכ'ן קריג האט ער זיך געווייקט ביי הרה"ק אדמו"י פשעווארסק זי"ע, הרה"ק בעל דברי יואל זי"ע און געשאפט אסאך געלט לטובת שיכון סקווירא, און שפעטער האט ער זיך געהאלטן פאר א חסיד פון כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א ווי ער האט זיך באטייליגט ביי די טישן און שמחות. ביז גאנץ לעצטענ'ס איז ער נאך געווען פריש און געזונט און איז ארומגעגאנגען אויפלעבן יודן מיט א ווערטל און א סיפור. אין די לעצטערע חדשים איז ער ליידער נישט געזונט געווען און היינט פארטאג'ס האטער ליידער אויסגעהויעכט די נשמה, איבערלאזענדיג פאריתומ'ט צענדליגע יודן פון שטאט וואס האבן געגאסן פון אים זייערע טעגליכע חיזוק און שמייכל אנצוגיין מיט זייער סדר היום.

## גרויסארטיגע "פרקליט" קאמפיין געשלאסן מיט גרויס ערפאלג

צענדליגע טויזענטע אידן האבן זיך אונטערגענומען א קבלה טובה
אלס זכות שמירה פון די מגיפה
א שליח פון כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א האט מתפלל געווען
אין זידיטשוב פאר אלע באטייליגטע

אין די צייט ווען עס האט זיך אנגעהויבן די עת צרה ליעקב מיט דאס פארשפרייטונג פון די קאראנא מגיפה, האט זיך פארשפרייט אין די הערצער פון טויזענטער אידן א רוח טהרה צו מקבל זיין אויף זיך א קבלה טובה, צו מקיים זיין די מאמר חז"ל אז עס איז א מצוה צו מאכן א נדר מצוה אין אן עת צרה, וואס מיט דעם איז מען זוכה צו די שמירה וואס נויטיגט זיך פאר די גוף און די נפש און די געלט אין די יעצטיגע שווערע טעג.

אין ליכט פון דעם, איז מפורסם געווארן א ספעציעלע קאמפיין מיטן נאמען "פרקליט", וואס איז טייטש אן "אדוואקאט", על שם די מאמר חז"ל אין מסכת אבות "העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט", אז מיטן זיך אינטערנעמען צו טון איין מצוה בשלימות, קויפט מען זיך איין אן אדוואקאט אויף יענע וועלט, וואס דאס איז א גוטע מלאך וואס איז מליץ טוב אויפן מענטש אין אן עת צרה. ווי שוין ברייט באריכטעט, האבען טויזענטע אידען מכל רחבי עולם, אריינגערעכנט פון פראנקרייך, ארץ ישראל, בראזיל, ארגענטינא, אמעריקא און נאך - זיך תיכף אנגעשלאסען אינעם "פרקליט קאמפיין".

די היסטארישע קאמפיין איז צושטאנט געקומען נאכדעם וואס כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א האט אויפגעפאדערט די שליחים בקודש פון מוסד הקדוש "אור עולם", אז און די יעצטיגע טעג ווען עס איז א עת צרה ליעקב, זאל מען ארויס גייען מיט א קאמפיין צו די הונדערטע טויזענטע אידען פון די אלוועלטליכע אידישע גאס וועלכע די רבי האט געטראפען במשך די יארען לחיזוק היהדות, וואס מען האלט מיט זיי א שטענדיגע פארבינדונג לחיזוק בשמירת התורה ויהדות דורך די אפיסעס פון "אור עולם", און מען זאל זיי בעטן אז יעדער זאל מקבל זיין איין קבלה טובה לשמירה ולברכה אינעם יעצטיגען מצב, און די אלע וועלן ווערן פארשריבען אין א פתקא טבא וואס ווערט געשיקט דורך דער קאלובער רבי שליט"א צום ציון פון זקינו הקדוש הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

די גרויסארטיגע קאמפיין האט גלייך עושה רושם אויף א ריזיגע פארנעם, ווען אין די ערשטע פאר טעג איז שוין אריין געקומען טויזענטע קבלות טובות פון אלע סארטען אידען איבער די גאנצע וועלט, וועלכע האבען זיך אינטער גענומען דברים טובים בשמירת התורה והיהדות.



דערזעהנדיג די גרויסע התעוררות לתשובה ותיקון המעשים וואס הערשט אויף די וועלט, האבען די

שלוחים העוסקים במלאכת הקודש, בשליחות הקודש פון כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א, אויסגעברייטערט די היסטארישע "פרקליט" קאמפיין" צו די היימישע אידישע גאס, ווי עס האט אויך ארויסגעשיינט די "מי כעמך ישראל" פון אידישע קינדער, ווען טויזענטע אנשים נשים וטף האבן אריינגערופן מיט זייערע קבלות טובות אין אלע ענינים, און האבן זוכה געווען צו ווערן אריין געשריבען אין א ספעציעלע "פתקא טבא".

א פערזענליכער שליח פון כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א וועלכער געפונט זיך אין אוקריינא, האט מיט גרויס סיעתא דשמיא באוויזן צו באקומען ביי די בעאמטע אן אויסנאמליכע ערלויבעניש אריינצוגיין אין די בית החיים אין זידיטשוב, און ער האט איבערגעבן די קוויטל ביים ציון פון הרה"ק מזידיטשוב זי"ע, וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען צו ראטעווען אידן פון א מגיפה, ווי עס איז באקאנט, אז ווען עס האט זיך פארשטערקערט די שרעקליכע כאלערא מגיפה אין יאר תקצ"א, איז ער צוגעגאנגען צו די מזוזה און געזאגט "הריני כפרת כל ישראל", און ער איז נפטר געווארן, און די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט. ווי אויך איז אפגעראכטן געווארן א גורל אויף א קמיע לשמירה מגיפה, וואס האט אין זיך די אור-אלטע מסוגל'דיגע "רוטא" גראז, כמקובל פון די פריערדיגע צדיקים זי"ע.

די קאמפיין האט זיך ב"ה געשלאסן מיט גרויס ערפאלג, ויהי רצון אז די גוואלדיגע התעוררות לתשובה ותיקון המעשים, וואס האט געבראנגט טויזענטע אידן צו מקבל זיין קבלות טובות, זאל האבן די ריכטיגע אפקלאנג בשמים ממעל, צו ממשיך זיין געזונט און פרנסה פאר אידישע קינדער, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו א גאולה פרטית וכללית במהרה בימינו.

# יום טוב שבועות בחצרות הקודש

**מרן פוסק הדור כ"ק ראב"ד ירושלים שליט"א:** אזוי ווי אלע יארן האט מרן פוסק הדור כ"ק ראב"ד ירושלים שליט"א געפראוועט דעם יום טוב שבועות אין היכל הישיבה אין בית שמש. דער ראב"ד שליט"א און ראש הישיבה האט זיך באטייליגט ביים סדר הלימוד און האט אויך איבערגעגעבן א שמועס בעת כניסת החג בענינו של יום ובקדושת החג. אויך האט דער ראב"ד אויפגעטראטן ביי נעילת החג מיט שיחת חיזוק.




אן אייגנארטיגע מנהג איז איינגעפירט אין 'ישיבת הראב"ד' אז אינמיטן די סדר הלימוד בליל שבועות שטעלט מען זיך אפ פאר א האלבע שעה צייט און מ'זינגט ניגוני דביקות ושירי תורה אזוי ווי ס'איז געווען איינגעפירט אין 'ישיבת תורת אמת' ביי הגאון ר' משה שניידער זצ"ל ווי מרן הראב"ד שליט"א האט געלערנט אלס בחור. נאך תפלת מוסף איז איינע פון די תלמידי הישיבה אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צום פוסק הדור שליט"א און אפגעראכטן עטליכע סיומים דורך תלמידי הישיבה וועלכע האבן געענדיגט עטליכע מסכתות וואס זיי האבן אדורכגעלערנט בעיון. ביים סוף פונעם מעמד הסיום איז אריינגעקומען א בחור זאגענדיג אז ער האט אפגעקויפט 'חתן תורה' פארלאפענעם שמחת תורה פאר דריי אהאלב טויזנט בלעטער גמרא און האט געלאזט וויסן פאר מרן הראב"ד שליט"א אז יעצט שבועות האט ער געענדיגט זיין התחייבות און האט דורכגעלערנט די טויזנטע בלעטער גמרא. מרן הראב"ד שליט"א איז גאר שטארק באנומען געווארן פון די בשורה און האט איבערגעגעבן פאר'ן בחור איינע פון זינע ספרים און מוצאי יו"ט האט ער אריינגעשריבן אן 'הקדשה' אינעם בכתב ידו.

**גור:** די תפלות זענען אפגעראכטן געווארן פריוואט בלויז מיט די משפחת המלוכה און די מסורה'דיגע 'נסיעות' איז צום ערשטן מאל אפגערופן געווארן זינט דעם צווייטן וועלט קריג צוליב די מצב. דער רבי האט געזאגט קדיש יו"ט ביינאכט און ביי מנחה יו"ט לרגל די יארצייט פון זיידן הרה"ק בעל אמרי אמת זצ"ל וועמענ'ס יארצייט געפאלט אויף שבועות. נאכ'ן דאווענען איז דער רבי אריבער צו די דעזעגנירטע ארט ווי ס'זענען געשטאנען די אייניקלעך מיט די מאסקעס אויפן פנים און געוואונטשן 'גוט יו"ט'. די סעודות האט דער רבי שליט"א געגעסן פריוואט ביי זיך אין שטוב מיט די קינדער, בשעת ווען די אייניקלעך האבן געגעסן אין ביהמ"ד אויף דרום זייט. אינמיטן סעודה האט דער רבי געשיקט הרב לייבל פיזאניצבאסקי הי"ו מיט וויין-שריים אויסצוטיילן פאר די אייניקלעך. נאכ'ן סעודה איז דער רבי אריבערגעקומען צו די אייניקלעך און געוואונטשן גוט יו"ט.

**סאטמאר-מהר"א:** ערב יו"ט איז כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א (מהר"א) אריינגעקומען פון די נייע צוגעבויעטע פליגל אויף דרום זייט ביהמ"ד ווי עס זענען געווען פלאצירט די עלטערע יודן און די רבי האט באגריסט אלע יודן. אין א היסטארישע און זעלטענע שריט האט דער רבי שליט"א אנגעהויבן מיט א ברען 'הודו לה' כי טוב', ווי דער רבי שליט"א האט שפעטער ערקלערט ביי די דברות קודש אז כאטש מ'פירט זיך אז ערב שבועות ביי מנחה זאגט מען נישט הודו, דארף מען עס אבער יא זאגן דאס יאר שטייענדיג נאך אזא שווערע מצב וואס מיר זענען אדורך נאכ'ן זיין פארשפארט אינדערהיים, מוציא אסורים בכושרות און זייענדיג חולים שנתרפאו. ביי הויעך שמו"ע ביי ברכת

הודאה האט דער רבי שליט״א געזאגט מיט בכיות די ווערטער: ״על חיינו המסורים בידיך״. נאך מנחה איז דער רבי ארויף אויפן ארון קודש און ארויסגעבערענגט רגשי הלב מיט שבח והודאה לה׳ אז מ׳געפונט זיך שוין צוריק אין ביהמ״ד און געזאגט אז יעדער וואס איז געבליבן לעבן, איז מחיוב צו ברענגען א ׳קרבן תודה׳ און אויך די וואס האבן גארנישט געשפירט האבן געהאט א דאפעלטע נס און דערפאר ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם צו ברענגען א קרבן תודה פאר׳ן אויבערשטן, נאר אזוי ווי די בית המקדש איז חרוב געווארן זאל מען זיך מקבל זיין אנטשאט דעם קבלות טובות. דערנאך איז דער ציבור ארויס אין פייערדיגע ריקודין אויף די ניגון ׳חסדי ה׳ און נאך ניגונים איבער א האלבע שעה, בשעת ווען דער רבי שליט״א שטייט אויפן ארון קודש און איז מעודד די ניגונים בדביקות עצומה. נאך מעריב איז דער רבי ארויף אויפן ארון קודש און געוואונטשן ׳גוט יו״ט׳ פארן גאנצן ציבור.



די ערשטע טאג צופרי פאר קריאת התורה האט דער רבי שליט״א ווידער אויפגעטראטן מיט דברות קודש און ארויסגעברענגט אז יעדער איז מחיוב צו בענטשן גומל און האט נאכגעזאגט פונעם חת״ס אז איינער וועט מוציא זיין דעם גאנצן ציבור און דערנאך זאל מען ענטפערן ׳שגמלונו׳ כל טוב (און נישט ׳שגמלך׳ לשון יחיד). דערביי האט דער רבי מכבד געווען מיט ברכת הגומל הרה״ח ר׳ יעקב פארגעס הי״ו. דערנאך זענען די חסידים ווידער ארויס אין פייערדיגע ריקודין א לענגערע צייט בשעת ווען דער רבי איז געבליבן שטיין אויפן בימה. שבת צופרי ווען דער רבי איז ארויס פון ביהמ״ד האט ער זיך אנגעטראפן מיט הרב אליהו שלמה קאהן שליט״א – מנהל בית רחל און האט זיך אויסגעדרוקט: ״אויב אזא גרויסע ביהמ״ד קען זיין אפן מיט אזויפיל טויזענטע יודן, קען מען שוין אויך עפענען די סקול״... ביי נעילת החג האט דער רבי אנגעהויבן זינגען ניגוני הודאה ׳אהללה ה׳ און עד הנה׳ וינועו אמות הסיפים ווען דער רבי האט זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע טענץ א לענגערע צייט. פאר׳ן זמן ר״ת האט מען פארענדיגט דעם טיש למנוע מעינא בישא און בילדער כאפעריי אנגעפולט מיט פול השפעות און א געהויבענע געמיטער נאכ׳ן מיטלעבן דעם דערהויבענעם יו״ט בצל הקודש.

**בעלזא:** ערב יו״ט איז פארגעקומען די היסטארישע מעמד ׳הכנסת שלשה ספרי תורה׳ צום היכל ביהמ״ד הגדול. איין ס״ת איז געשריבן געווארן לע״נ אדמור״י בעלזא און חסידי בעלזא זצ״ל פון פאר׳ן קריג. די צווייטע ס״ת לזכות חסידי בעלזא המסתופפים בצל הקודש און האבן גענומען א חלק אין אויפבויען בנין ביהמ״ד הגדול אין ירושלים. די דריטע ספר איז געשריבן געווארן דורך ׳מרכז מוסדות בעלזא׳ לזכות כ״ק אדמו״ר מבעלזא שליט״א. די תהלוכה איז ארויס פון ׳בית תפלה׳ פון מרן בעלזא רב שליט״א.





דער רב שליט״א האט געהאלטן די ס״ת וואס איז געשריבן געווארן לזכות די תורמי הבנין, הרה״צ ר׳ אהרן מרדכי שליט״א האט גענומען די צווייטע ס״ת, און הרב הערשל פארקאש הי״ו – מנכ״ל המרכז האט גענומען די ס״ת וואס איז געשריבן געווארן דורך מרכז מוסדות בעלזא. אריינקומענדיג ביים טיהר פון היכל האט דער רב שליט״א פארגעזאגט ׳מזמור לדוד׳ כנהוג און דערנאך האט דער רב אריינגעלייגט די ספרי תורה אין ארון קודש. יו״ט ביינאכט ביים טיש האט מען מכתיר געווען הגה״צ ר׳ חיים צבי שפירא שליט״א אלס ׳ראב״ד׳ קהל מחזיקי הדת.

**ויזניץ:** מרן אדמו״ר מויזניץ שליט״א איז צוריקגעקומען פון חצור לכבוד שבועות ווי דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין לויף פון די לעצטע צוויי חדשים און ערב יו״ט האבן די חסידים פון אנדערע שטעט געקענט אריבערגיין זיך וואונטשן ביים רבי׳ן לכבוד יו״ט, וויבאלד עס איז נישט געווען ערלויבט בלויז פאר חסידים פון בני ברק מיטצוהאלטן דעם יו״ט בצל הקודש. דורכאויס יו״ט איז דער רבי געזעצן אפגערוקט אויף א פלטפארמע און מ׳האט זיכער געמאכט אז מ׳פאלגט אויס אלע רעגולאציעס אריינגערעכנט אז עס איז נאר אריינגעלאזט געווארן אין

ביהמ״ד א באשטימטע צאל מענטשן און בלוי זמיט א מאסק אויפן פנים. די שומרים ביים טיהר זענען געשטאנען מיט א זעקל פון מאסקעס און געטיילט א מאסק פאר די וואס האבן נישט פארמאגט, וויבאלד נאר מיט א מאסק האט מען געקענט אריינגיין אין ביהמ״ד.

**סקווירא:** ווי געמאלדן האט מען פון פאר יו״ט איינגעטיילט וועלכע יודן וועלן קענען מיטהאלטן וועלכע תפלות און טישן לויט די סדר פון די אותיות. די אנדערע אידן וואס האבן נישט געדאווענט מיט׳ן רבי׳ן, האבן געדאווענט איינגעטיילט אין עטליכע בניני המוסדות אין שפיץ פון רבינ׳ס קינדער וואס האבן געדאווענט פאר׳ן עמוד און פארגעזאגט אקדמות. די מנינים האבן געדאווענט פריער ווי דעם רבינ׳ס מנין, אזוי אז נאכדעם וואס די רבי׳ס קינדער האבן געענדיגט דאווענען זענען זיי אריבער אין ביהמ״ד הגדול צו הערן אקדמות פון טאטן. די ערשטע טאג יו״ט ביינאכט האט מען געזינגען לעבעדיגע ניגונים נאכ׳ן בענטשן טראצדעם וואס די מנהג אין סקווירא איז נישט צו זינגען ביים טיש נאכדעם וואס אין סקווירא אינדערהיים איז מען אויך געטאנצן נאכ׳ן טיש.



אן אינטערסאנטע עפיזאד הא זיך אפגעשפילט ביי ׳יזכור׳ ווען אלע יודן וואס דארפן זאגן ׳יזכור׳ האבן זיך צונויפגעזאמעלט אין צענטער פון ביהמ״ד ווי זיי זענען געווען ארומגענומען מיט פלעסטיק און אזוי ארום האט דער ציבור געקענט בלייבן אויף די פלעצער און נישט ארויסגיין אינדרויסן און קומען אין בארירונג מיט נאך מענטשן... שבת ביינאכט האט דער רבי געטיילט שריים פאר פינף-און-דרייסיג חתנים וואס האבן א שידוך-געטון אין די פארלאפענע תקופה. דאס עסן איז ארויפגעלייגט געווארן אויף א טעלער ווי ס׳איז שוין געווען אויפגעשריבן די נאמען פונעם חתן און איז איינגעקוויקעלט געווארן אין א פלעסטיק און אזוי איז עס ארויפגעשיקט געווארן צו די חתנים.

מוצאי שבת איז פארגעקומען די טיש נעילת החג צוזאמען מיט די ׳שמחת הפארשפיל׳ פאר׳ן רבינ׳ס אייניקל ווי עס האבן זיך באטייליגט די חסידים פון אלע שטעט אינדרויסן פון בני ברק, בשעת ווען די איבריגע חסידים האבן מיטגעהאלטן דעם טיש לעבעדיג דורך א ׳סקרי״ן׳ אויף די גאסן פון שטאט. דער רבי האט דערמאנט ביי די דברות קודש איבער די גרויסע חסדים ווען יודן זענען בניסים געראטעוועט געווארן פון די מגיפה, צווישן זיי הרה״ח המפורסם ר׳ חיים משה פעלדמאן הי״ו מחשובי חסידי ויזניץ ובונה ומקים עולמות של תורה.

**סאטמאר-מהרי״י:** אלע תפלות און טישן זענען פארגעקומען ווי געהעריג אין ביהמ״ד הגדול. ביי די טישן איז דער רבי געזעצן אויף א פלאטפארמע אליינס. בשעת דער ציבור איז אדורך זיך וואונטשן גוט יו״ט איז דער רבי געווען ארומגענומען מיט א גלאז. אויך ביי די שריים האט מען זיך באנוצט מיט טעלער׳ס. די קריאת הכתובה און קרעפל פשטעל זענען פארגעקומען ביים זעלבן טיש און דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט בדרך צחות אז מ׳וועט מקיים זיין די נייע חתונה תקנה פון נישט מאכן קיין עקסטערע תנאים. ביי די תורה האט דער רבי ארומגערעדט אז די נוסח הכתובה קומט פון קדושת לוי. מ׳האט געליינט אין די תורה פון צאנזע רב און הרה״ח ר׳ משה פרידמאן הי״ו – משב״ק האט געבענטשט גומל.



**באבוב:** די תפלות זענען פארגעקומען אין ביהמ״ד הגדול ווי די בעלי בתים זענען געווען פלאצירט אין היכל הביהמ״ד און די בחורים אין עזרת נשים. דעם רב׳ס קינדער האבן געדאווענט אין עזרת נשים מיט די בחורים. ביי די טישן איז דער רב געזעצן אליינס אויף א פלאטפארמע און ס׳זענען נישט געווען קיין פארענטשעס בשעת ווען דער ציבור איז געזעצן אויף די געווענליכע פלעצער ווי מ׳שטייט ביים דאווענען און די בחורים און יונגעלייט זענען געשטאנען ארום. שבת ביינאכט האט דער רב געטיילט לעבער פאר צוואנציג חתנים וואס האבן א שידוך-געטון אין די פארלאפענע תקופה. מוצ״ש האט דער רב שליט״א געהייסן בנו הבחור שלמה ני״ו צו שמעקן די בשמים צוליב דעם וואס דער רב שליט״א ליידט אין די יעצטיגע טעג אויפן חוש הריח. די צוויי שוואגער׳ס הגה״צ ר׳ חיים יעקב טויבער דומ״ץ באבוב און הגה״צ ר׳ יעקב ישראל מייזליש אב״ד קרית באבוב-בת ים האבן געדאווענט אפגעזונדערט אין א זייטיגע שטוב. קריאת התורה האט געליינט חדב״ן הרב חיים שלמה האלבערשטאם שליט״א און נישט הגה״צ דומ״ץ שליט״א ווי געווענליך.

**באבוב-45:** די תפלות זענען פארגעקומען אין ביהמ״ד הגדול ווי די צווישן די טישן זענען געווען מחיצות פון פלעסטיק. אידן פון זעכציג יאר און העכער האבן געדאווענט אויבן אין גאלערי, בחורים אין היכל המתיבתא. נאכ׳ן דאווענען האט דער רבי און דער רב געוואונטשן ׳גוט יו״ט׳ אויפן ארון קודש. די עריכת השולחנות זענען פארגעקומען אין היכל המתיבתא ווי די בחורים זענען געשטאנען אויף די פארענטשעס. די ערשטע טאג יו״ט איז פארגעקומען די הכנסת ס״ת נדבת הגה״צ דער רב שליט״א. ביום השבת האט דער רבי געדאווענט אין היכל המתיבתא. ביי נעילת החג האבן זיך באטייליגט אלע חסידים און די בחורים און יונגעלייט זענען געשטאנען אויף די פארענטשעס.

**באיאן:** עטליכע שעה פאר׳ן זמן הדלקת הנרות איז געמאלדן געווארן אז דער רבי שליט״א וועט אפרעכטן א טיש סיי יו״ט ביינאכט און סיי שבת ביינאכט. דאס קומט נאכדעם וואס פאר יו״ט איז שטרענג אויפגעפאדערט געווארן בפקודת הקודש אז די יו״ט איז געאייגענט בלויז פאר אנ״ש וואס וואוינען אין ירושלים און די חסידים פון אנדערע שטעט זאלן נישט קומען. אויך איז געמאלדן געווארן אז בחורים זאלן נישט גיין אין מקוה שבועות פארטאג׳ס און אויך נישט שבת כדי נישט

גורם זיין א געדרענג אין מקוה. ביי נעילת החג האט דער רבי שליט״א, געזאגט אז אזוי ווי מ׳איז געראטעוועט געווארן פון א צרה איז דא א חיוב צו לויבן דעם באשעפער און דערפאר זאל מען זאגן נשמת בציבור און דער גאנצע עולם האט געזאגט נשמת בכוונה.

**ויזניץ-מאנסי:** דער ברודער כ״ק אדמו״ר מוויזניץ-לונדון שליט״א האט געפראוועט דעם גאנצן יו״ט אין ביהמ״ד הגדול אין מאנסי ווי עס האט געהערשט א געוואלדיגע אחדות אטמאספערא. רוב כיבודים האט דער מאנסי רבי שליט״א איבערגעגעבן פארן ברודער האדמו״ר שליט״א מלאנדאן. דער לאנדאנער רבי שליט״א איז געקומען אן קיין גבאים און דער רבי פון מאנסי האט זיך געזארגט על כל פרט ופרט אז אלעס זאל זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב. אינמיטן תיקון ליל שבועות איז דער רבי אפילו אים געגאנגען מאכן א קאווע פארן ברודער. ווען דער לאנדאנער רבי שליט״א איז ארויס אינמיטן דאווענען האט דער רבי אפגעשטעלט דאס דאווענען ווארטנדיג פארן ברודער און ביים אויסטרעטן שמו״ע האט יעדער ברודער אלס געווארט פארן אנדערן.

ביי נעילת החג האט דער לאנדאנער רבי שליט״א שטארק גערעדט בשבחו פונעם ברודער, זאגענדיג אז ״יפה כח הבן מכח האב״ איז בגימטרי׳ דעם ברודער׳ס נאמען ״ישראל בן מרדכי״. אויך האט דער מאנסי רבי נאכגעזאגט ביי נעילת החג א ווארט וואס דער ברודער פון לונדון האט געזאגט א טאג פריער.



**ויזניץ-קיימישא:** די תפלות און טישן זענען פארגעקומען ווי געהעריג אזוי ווי ביז יעצט. אויף יו״ט זענען געקומען צו פארן א גרויסע צאל געסט פון איבער גרעיטער ניו יורק. יו״ט צופרי איז אנגעקומען קיין קרית ויזניץ הרב חיים מאיר האגער שליט״א בן מרן אדמו״ר מויזניץ שליט״א וועלכע האלט זיך אויף אין די דערנעבענדיגע ׳אלפיין עיקער׳ס באנגעלוי-קאלעני׳ און איז צוגעגאנגען צום עמוד אויף תפלת שחרית. ביי נעילת החג האט דער רבי מרעיש עולמות געווען קעגן דאס זיך באנוצן מיט סמארטפאונס און האט זיך אויסגעדרוקט אז די היתר צו האבן א סמארט-פאון איז נאר אויב מען האט נישט קיין אנדערע פרנסה, אבער אויב מ׳דארף נאר א סמארטפאון כדי צוצוהעלפן די פרנסה – איז די היתר נישט געזאגט געווארן. מוצאי יו״ט האט מען אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן לביתו נאוה קודש.

**נאוואמינסק:** די צווי ברודער כ״ק אדמו״ר מנאוואמינסק שליט״א און כ״ק אדמו״ר מנאוואמינסק-לעיקוואוד שליט״א האבןביידע געפראוועט דעם יו״ט אין בארא פארק. דער רבי פון ב״פ האט געדאווענט ותיקין און פארגעזאגט אקדמות און געזינגען די ניגון אשת חיל כנהוג, און דער רבי פון לעיקוואוד האט געדאווענט ניין אזייגער און פארגעזאגט אלעס כנהוג. נעילת החג האט דער רבי פון ב״פ געפראוועט אין נאוואמינסק׳ע ביהמ״ד, און דער רבי פון לעיקוואוד אין בנין הישיבה.

**סטוטשין:** צוליב די גרויסע ציבור וואס האט געוואלט מיטהאלטן די עבודת הקודש, האט מען צוטיילט דאס דאווענען אין צווײ. דער רבי האט געדאווענט פאר׳ן עמוד שחרית יו״ט שבועות ביי ותיקין און פארגעזאגט אקדמות. שפעטער ביי די ניין אזייגער מנין האט דער רבי ווידער פארגעזאגט אקדמות און געדאווענט מוסף פאר׳ן עמוד. אויך די טיש נעילת החג איז צוטיילט געווארן אין צווײ חלקים.

**דאראג:** די תפלות ועריכת השולחנות זענען פארגעקומען אין ביהמ״ד הגדול, בשעת ווען די בחורים פון ישיבה קטנה האבן געדאווענט אין עזרת נשים. ביי די טישן זענען די חסידים געשטאנען אויף די פארענטשעס אפגערוקט איינער פונעם צווייטן מיט מאסקעס אויף די פנימ׳ער. לכבוד יו״ט האט מען באנייט א הערליכע נייע ׳ארון קודש׳ וואס די לוחות קומען פון שטאט ׳דאראג׳ אין אונגארן. אויך האט דער רבי שליט״א באנייט א נייע שטריימל לכבוד יו״ט.



**פאפא:** די תפלות און טישן איז אלעס געווען ווי געהעריג אין גרויסן ביהמ״ד בשעת ווען די עזרת נשים איז צעטיילט געווארן פאר בחורים און נשים. ביי נעילת החג האט דער רבי ארומגערעדט איבער ׳אמונת חכמים׳ און נישט נשפע ווערן פון פרעמדע בעלי דרשנים. דערנאך האט דער רבי ארומגערעדט איבער חיזוק בלימוד התורה און איבער קדושת ביהמד נישט צו רעדן ביים דאווענען.

**מונקאטש:** יו״ט נאכמיטאג האט דער רבי אפגעשטאט א באזוך ביי בנו הרה״צ ר׳ פישל ראבינאוויטש שליט״א. אויפן וועג ארויס האט זיך דער רבי שליט״א באגעגנט מיט כ״ק אדמו״ר מסקווירא מב״פ שליט״א.
**סערט-וויזניץ:** אלע תפלות און טישן זענען פארגעקומען אין ביהמ״ד הגדול מיט די באטיילעגונג בלויז פון פופציג יודן עפ״י הגורל.

**סקולען:** אלע תפלות ועריכת השולחנות זענען פארגעקומען ווי געהעריג אין ביהמ״ד, בשעת ווען דער רבי איז געזעצן אפגערוקט פון ציבור אונטער א פלעסטיק. פאר אקדמות האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און געהאלטן א פייערדיגע דרשה איבער זיך מחזק זיין בקדושת ביהמ״ד און נישט רעדן ביים דאווענען און אויך אינדערוואכן זאל מען נישט ברענגען קיין טעלעפאנען אין ביהמ״ד. ביי קריאת התורה האט מען אריינגעברענגט די ספר תורה אינעם רבינ׳ס שטח ווי דער רבי האט געדינט אלס בעל קורא.

**וויען:** די תפלות און טישן זענען פארגעקומען ווי געהעריג אין ביהמ״ד אבער דער רב האט נישט געגעבן די הענט. ביי נעילת החג האט דער רב שליט״א געזאגט אז ביז יעצט האט די דעת תורה געהייסן

פארשפארן בתי מדרשים אבער יעצט זאגט דער דעת תורה צוריקצוציפענען די בתי מדרשים און ס'איז שוין נישטא קיין תירוצים פון תפלה ציבור און זיך ארויסדרייען פון גיין אין מקוה. דער רב האט אויפגעפאדערט די בחורים אז טראצדעם וואס די סדרי הישיבה זענען נאכנישט ווי געהעריג און ס'פארלאנגט אויפצושטיין פארטאג'ס, דאך דארף א בחור וויסן די חשיבות און יא אויפשטיין פארטאג'ס מיט זיין אייגענע ווילן. אזוי אויך האט דער רב געזאגט אז א בחור האט שוין נישט קיין שום תירוץ זיך ארומצודרייען מיט א סעלפאן.

**סקאליע:** די תפלות און טישן זענען פארגעקומען ווי געהעריג אזוי ווי ביז יעצט בבית מדרשו אויף די אכצענטע עוועניו אין בארא פארק. שבת ביינאכט האט דער רבי שליט"א פארפאסט א נייע ניגון אויף די ווערטער 'עליונים ששו' און איז איבערגעזינגען געווארן ביי די טישן דורכאויס שבת.




**בלאזוב-ריבאטיטש:** לכבוד יו"ט האט מען איבערגעמאכט און פארשענערט דאס ביהמ"ד. שבועות האט דער רבי געקויפט אן עליה פאר די חתנים וואס זייערע חתונות וועלן פארקומען אין די קומענדיגע תקופה אויף א קלענערע פארנעם.

**טענקא:** ביי קריאת התורה האבן געבענטשט גומל צוויי נייטציג יעריגע יודן וואס האבן איבערגעלעבט די מגיפה. נאך מנחה געזאגט קרעפל פשעטל מ'דארף זיך מחזק זיין אין לימוד התורה און קדושת ביהמ"ד. די צווייטע טאג האט דער רב אויפגעטראטן פאר תלמידי ישיבת נאוואמינסק בביתו. ביים נעילת החג האט דער רב שליט"א מרעיש עולמות געווען קעגן די אזוי גערופענע חברה וואס האבן ארויפגעלייגט אויף אים שטארקע דרוק דורכאויס די מגיפה אויפדעם וואס דער רב האט אפן געהאלטן דאס ביהמ"ד און איז געגאנגען אויף סידור קידושין. דער רב האט ארומגערעדט איבער די גרויסע חלל וואס איז געשאפן געווארן בתורה ועבודה מיט די הסתלקות הצדיקים און געבעטן די בחורים און יונגעלייט זיך מחזק זיין בלימוד התורה און זיך קובע זיין א שיעור בספרי מוסר ובפרט א שיעור אין חובת הלבבות זאגענדיג אז ער לערנט אויך יעדן טאג חובת הלבבות.

## הארצרייסענדע בריוו אין ראחמיסטריווקא

פארלפאענעם מאנטאג איז געפראוועט געווארן אויף א פריוואטע פארנעם די שמחת החתונה פון יונגסטן קינד ביי הרה"צ ר' דוד משה טווערסקי שליט"א עלטסטן זון פון כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א. דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס חסידי ראחמיסטריווקא זענען אנגעפולט מיט פרייד נאך די ערהוילונג למעלה מדרך הטבע פון די אם החתן הרבנית אשת הרה"צ ר' דוד משה שליט"א, וועלכע האט זיך וואונדערליך ערהוילט העכער אלע ערווארטונגען נאכ'ן זיין פארשלאפט אין לויף פון די לעצטע צוויי חדשים אין א קריטישע צושטאנד ווערנדיג שווער באטראפן פון די כינע ווירוס.

צוליב די יעצטיגע מצב איז די חתונה געפראוועט געווארן אויף א פריוואטע פארנעם אין בנין התלמוד תורה אין בארא פארק און די חסידים האבן זיך מיטפרייען נעכטן דינסטאג ביים גרויסארטיגן שבע ברכות. ביים חתונה האט זיך באטייליגט דער פעטער כ"ק אדמו"ר מבאבוב-45 שליט"א וועלכע האט זיך שטארק צעוויינט זיך טרעפענדיג מיט'ן שוועסטער וועלכע איז אדורך פארשידענע געזונהייט קאמפלעקאציעס אין די לעצטערע וואכן. אויך האבן זיך באטייליגט די פעטער'ס כ"ק האדמורי"ם מוויזניץ-קיימישא און בארנוב שליט"א. צווישן אנדערע האט זיך אויך אנגעזען כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-ירושלים שליט"א וועלכע האט גאר אסאך ארויסגעהאלפן די משפחה בעניני רפואה אין לויף פון די שווערע צייטן.



## נייע רב אין קהלת נייטרא וומסב"ג

**תשית לראשו עטרת פז:** שטייענדיג נאך די הסתלקות פון הגה"צ ר' יצחק מאסקאוויטש זצ"ל אבד"ק נייטרא-וומסב"ג, האט היינט די נייטרא קהלה אין וומסב"ג די זכיה אויפצונעמען א נייעם רב הגה"צ ר' חיים שלמה מיללער שליט"א לכהן פאר אלס 'רב ואב"ד קהלת נייטרא אין וומסב"ג' און אנפירן דאס ביהמ"ד אויף ראדני סטריט לשם ולתפארת.

הרה"צ ר' חיים שלמה שליט"א איז א זון פון הגה"צ ר' יחיאל יעקב מיללער שליט"א אב"ד אייזענשטאט אין ב"פ און אן איידעם פון הגה"צ אבד"ק דושינסקיא-וומסב"ג זצ"ל און דינט אלס 'ראש הכולל שערי הלכה דושינסקיא' אין וומסב"ג. יאריך ימים על ממלכתו.

# שב"ק פרשת נשא
# בחצרות הקודש

כ"ק **אדמו"ר מסקאליע** שליט"א וויילט אויף שבת אין שטאט וויליאמסבורג לכבוד די שמחה בבית חתנו הרה"צ אב"ד קרעטשניף-סיגוט-וומסב"ג שליט"א. די תפלות ועריכת השולחנות אין די זאלן פון עידן פאלאס. שלש סעודות אין שטוב פון די אכסניא בבית הרבני הנגיד ר' ישראל מאיר ראזענבערג הי"ו - אויפן ארט ווי עס האט זיך אמאל געפונען בית מדרשו פון הרה"ק מסקאליע זצ"ל.

כ"ק **אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק** שליט"א וויילט אין בית שמש בקרב חסידיו.

כ"ק **אדמו"ר מלעלוב** שליט"א וויילט אויף דעם שב"ק אין אתרא קדישא מירון אויף א שבת התאחדות מיט די חסידים, ווי איינגעפירט יאר-יערליך שבת פרשת בהעלותך. די תפילות און טישן וועלן פארקומען במתחם תולדות אברהם יצחק.

כ"ק **אדמו"ר מביאלא ב"ב** שליט"א וויילט אין שטאט צפת למנוחה.

***

**שמחת בית סקולען-מאנסי:** שמחת האויפרוף פון החתן בן כ"ק **אדמו"ר מסקולען מאנסי** שליט"א חתן הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א, מיט די כלה בת הרב מאיר זעגלבוים שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מוויען זצ"ל חתן הגה"צ ר' שמואל אהרן דייטש שליט"א אבד"ק סענדרא דעטרויט – אין סקולענ'ע בית המדרש אין מאנסי.

***

**שמחת בית סאטמאר - דושינסקיא - קארוב:** שמחת האויפרוף פון החתן בן כ"ק **אדמו"ר מקארוב** שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מקאזלוב זצ"ל חתן כ"ק אדמו"ר מוואוידיסלאוו זצ"ל, מיט די כלה א אייניקל ביי כ"ק **אדמו"ר מסאטמאר** שליט"א, בת לחתנו הגה"צ ר' דוד דוב דושינקיא שליט"א רב דביהמ"ד אהל פיגא אין קרית יואל בן כ"ק **אדמו"ר מדושינסקיא** שליט"א חתן הגה"צ גאב"ד סיגעיט שליט"א - אין קארוב'ע בית המדרש אין בארא פארק.

שבת אויפרוף פון החתן בן הרב דוד טובי' ראטענבערג שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מפארשעי שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר מראפשיץ שליט"א, מיט די כלה אייניקל פון כ"ק גאב"ד טענקא שליט"א בת לבנו הגה"צ אבד"ק שמן למנחה נאדפאלע שליט"א – אין פארשעי ביהמ"ד.

**שמחת השבע ברכות בבית ויזניץ - ברעזאן - טשערנאביל:** אין היכל ביהמ"ד הגדול אין קרית ויזניץ בני ברק.

***

**שמחת השבע ברכות בבית ראחמיסטריווקא:** אין ראחמיסטריווקא ביהמ"ד אין בארא פארק.

**שמחת השבע ברכות בבית סאטמאר-מהרי"י:** אין ביהמ"ד הגדול אויף ראדני סטריט אין וומסב"ג.

**שבת שבע ברכות בבית קאסאן – אוהעל – דעעש:** בביהמ"ד אוהעל אין מאנסי.

***

**שמחת בית ספינקא - טשערנאוויץ - קרעטשניף:** שמחת האויפרוף פון החתן בן כ"ק **אדמו"ר מבית שמואל צבי ספינקא** שליט"א חתן כ"ק **אדמו"ר מקרעטשניף-רחובות** שליט"א, מיט די כלה בת הגה"צ ר' ישראל שנעעבאלג שליט"א אב"ד טשערנאוויץ ב"פ בן כ"ק אדמו"ר מטשערנאוויץ שליט"א וחתן הגה"צ בעל אור שלום זצ"ל מוויזניץ ב"פ - אין ספינקא בית המדרש בית שמואל צבי אין וויליאמסבורג.

***

**שמחת השבע ברכות בבית קרעטשניף סיגוט - טארטיקוב:** אין די זאלן פון עידן פאלאס אין וויליאמסבורג – דער זיידע כ"ק **אדמו"ר מסקאליע** שליט"א וועט וויילן אויף שבת אין וומסב"ג לכבוד די שמחה.

***

**שמחת בית נדבורנא-באניא:** שמחת האויפרוף פון החתן בן הגה"צ ר' שלמה זלמן לייפער שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מנדבורנא באניא שליט"א, וחתן הגה"צ ר' יודל ניישלאס שליט"א אבד"ק סערדאהעלי בית שמש, מיט די כלה בת הגה"צ ר' יצחק מאיר באב"ד שליט"א בן הגה"צ ר' יוסף דוב באב"ד שליט"א מלפנים דומ"ץ בעלזא לאנדאן וחתן כ"ק אדמו"ר מנדבורנא לאנדאן שליט"א - אין זאל עסטרייכער אין בית שמש. - דער זיידע כ"ק אדמו"ר מנדבורנא באניא שליט"א איז צוגאסט אויף שב"ק אין בית שמש לכבוד די שמחה, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין זאל עסטרייכער.

***

שמחת האויפרוף פון החתן בן הרב שמעלקא האלפערט שליט"א בן הגה"צ ר' מאיר האלפערט שליט"א וחתן הגה"צ ר' חיים דוב שטערן שליט"א **אבד"ק סקולען בני ברק**, מיט די כלה בת הרב בעריש פעלדמאן שליט"א בן הגה"צ ר' זאב פעלדמאן שליט"א רב דקהל תורה עץ חיים אין לאנדאן וחתן הגה"צ ראש ישיבת טשעבין שליט"א - אין סקולענע בית המדרש אין בני ברק.

***

שבת עליה לתורה לחתן נכד כ"ק אדמו"ר משאץ ויזניץ בן לחתנו הרה"צ ר' אהרן פולק בן הגה"צ אב"ד גראסוודיין עם בת הרה"צ ר' יעקב לייב גולדמאן בן אדמו"ר מזוועהיל וחתן אדמו"ר מאלכסנדר בהיכל ישיבת לומדי תורה מחנוכבקא בעלזא רח' השל"ה בב"ב הסבא כ"ק אדמו"ר משאץ ויזניץ ישבות בב"ב לכבוד השמחה.

***

שבת עליה לתורה פון החתן בן כ"ק אדמו"ר מזידיטשוב שליט"א מב"ב, מיט די כלה בת כ"ק אדמו"ר מבערגסאז ירושלים שליט"א - בביהמ"ד "קהל חסידים זידיטשוב" ברח' הרב שך בב"ב. בליל שבת יתקיים טיש בשילוב שמחת השלו"ז לנכדו בן לבנו הרב חיים אליעזר לאבין חתן האדמו"ר מנדבורנא באולם שע"י ביהמ"ד בית פנחס בעלזא ברח' יואל.

***

**שמחת בית תולדות אברהם יצחק - מאקאווא:** שמחת הקידושא רבא צום געבוירן א צווילינג מיידלעך ביי הגה"צ ר' אפרים אהרן לעמבערגער שליט"א בן הגה"צ גאב"ד מאקאווא ב"ב זצ"ל וחתן כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול תולדות אברהם יצחק אין בית שמש.




מציבת הרה"ח ר' אברהם אהרן רובאשקין ז"ל ארייננעקריצט בכתב יד קדשו פון הרה"ק מהריי"צ מליובאוויטש זי"ע







כ"ק אדמו"ר ממאחנובקא-בעלזא שליט"א

